ספעציעלע וויכטיגע נושא אויסגאבע לכבוד פסח

קאנאביס

אויך גערופן :וויד, מאריוואנא, פאט, חאשיש

ברייטע פראקטישע, לעגאלע, הלכה'דיגע און השקפה'דיגע בליק איבער די נושא פון קאנאביס, די גראז-געוויקס וואס האט א השפעה אויף די מח און די מצב רוח, און ווערט יעצט לעגאל אין אונזערע געגענטער, ווארטענדיג פאר א קלארע מורכב'דיגע און ברייטע אנאליז

## צו עלטערן:

די אויסגאבע ווערט געשיקט אין אימעיל, אזוי אז די שאנסן זענען קליין אז עס זאל געזעהן ווערן דורך א קינד אן דורכגיין קודם די עלטערן .על כן רעדן מיר דא צו די עלטערן ערשט :מיר רעדן דא איבער א האקעלע עניין, און מיר רעדן צו ערוואקסענע .די נושא איז איבער קאנאביס, די טויש אין געזעץ און אירע השפעות אויפן מענטש .אויך באריירן מיר די נושא פון טרונקען אלקאהאל .דאס זענען אלעס גאר האקעלע נושאים, ברוך השם אז מיר דעקן דעם אמת און שרייבן מיט זהירות, אבער קינדער דארפן אן עקסטערע זהירות אין אזא זאך, און דעריבער דארפט איר איבערקוקן און מחליט זיין אויב איר ווילט אייער קינד זאל עס ליינען.

קאנטערווערסיאל? יא, קלאר קאנטערווערסיאל!

עס איז נישט געווען קיין לייכטע החלטה אויב מיר זאלן צונעמען אט די גאר האקעלע און ערנסטע נושא. "וואס פעלט אויס דאס צו ארויפברענגען אויפן טיש?"

אבער די נושא איז למעשה אויפן טיש, און זי ליגט אויפן טיש אומאדרעסירט אויף א קלארן אופן, און איז בבחינת המדרש הזה אומר דרשוני. וואס איז דאס? וואס איז איר היסטאריע? פון ווי איז זי פלוצים אפירגעקומען? איז זי שעדליך? איז זי א פאזיטיווע זאך וואס מען מעג נעמען? איז דא אין אידישע היסטאריע סיי וועלכע התייחסות צו איר? איז דא עפעס וואס עלטערן דאווענען וויסן איבער דעם, אויב זייערע קינדער נוצן דאס?

למעשה עס איז נישט קיין סוד אז מאריכואנא איז אין די לעצטע יארן ארייגעקומען מיט א געוואלדיגן קראפט אין דער געזעלשאפט. עטליכע שטאטן אין אמעריקע האבן שוין אפילו מתיר געווען דאס באנוץ פון "סחורה", און אין געוויסע אנדערע שטאטן, ווי ניו יארק, האבן די געזעץ-אינפארסירער שוין א לאנגע צייט צוריק אונטערגענומען נייע פאליסיס ווען נישט ארעסטירן מענטשן וואס רויכערן מאריכואנא און גאר לעצטנס האט די ניו יארק רעגירונג געמאלדן אז נאך רעפארמען גייען אריינגיין צו ערמעגליכן מענטשן נוצן מאריכואנא.

אין ארץ ישראל האט א נייע פארטיי זיך פארמירט איבער די אישו. די הויפט נושא פאר די נייע געגרינדעטע פארטיי "זהות" וואס איז א געמיש פונעם רעליגעזן-מזרחיסטישן משה פייגלין, דעם ארטאדאקשיסן רב און פאליטישאן הרב חיים אמסאלאם און נאך פרייע און טראדיציאנעלע פירער. די אלע האבן געלייגט אט די נושא, צו לעגאליזירן מריכואנא א הויפט אישו. די פארטיי האט נישט אנגעצויגן גענוג שטימען אבער זי האט געמאכט א געוואלדיגע טומעל אזוי אז אלע אנדערע פארטייען האבן מיטגעזינגען מיטן ניגון און צוגעזאגט צו לעגאליזירן די סחורה.

די מציאות איז אז די נושא איז אויפן וועג צו לאנדן אויף אונזער טיש מיטן גאנצן קנאק, טראץ וואס יעצט איז זי נאכנישט א נושא וואס מען דיסקוסירט צופיל בקול רם. און דעריבער, כדאי אז מענטשן, און טאקע בעיקר עלטערן, מחנכים, משפיעים און טעראפיסטן וואס האבן א השפעה אויפן ציבור, זאלן האבן א ברייטן בליק אויף די נושא און פארשטיין וואס דאס איז, וויאזוי מיר קענען זיך באהיטן פון אירע סכנות.

נישט רעדן וועגן דעם קען ברענגען מיס-אינפארמאציע, ווי מע'זאגט היינט "פעיק-ניוז" און קען האבן עגמת נפש'דיגע רעזולטאטן. ווי די כלל "די שיין פון די זון דיסאינפעקטירט" שיינען א ליכט פון אינפארמאציע וועט אונז אלע בענעפיטירן.

## וואס איז קאנאביס

די קאנאביס פלאנצונג איז שוין פאר אסאך יארן געווען באטראכט אלס א גאר מיסטעריעזער קוואל פון היילונג, און אין גאר אלטע מקורות, דערונטער אור-אלטע אידישע ספרים ווערט באצייכנט די פאזיטיווע כחות פון די פלענט.

די קאנאביס – העמפ פלענט איז געווארן גענוצט פאר טויזנטער יארן צו פראדוצירן רפואות פון אירע אוילס, און די האלץ און בלעטער זענען גענוצט געווארן צו באשאפן פארשידענע פראדוקטן.

די העמפ פלענט האט אין זיך פארשידענע באזונדערע אפטיילונגען. עס האט די פסיכא-אקטיווע מאריוואנא וואקסט אינאיינעם מיט די CBD וואס האט פארשידענע פיזישע השפעות אויפן גוף, אבער דרייט נישט דעם קאפ.

קאנאביס, סיי די מאריכואנא און סיי די CBD  האט פארשידענע פאזיטיווע השפעות וואס היילט די גוף, עס העלפט מיט מוח פראבלעמען און בארוהיגט די הרגשה פון נאוזשע און האט נאך א רייע פון פאזיטיווע השפעות. און איז א נאטורליכע מעדיצין פאר אסאך זאכן וואס איז דערווייל נישטא קיין שום אלטערנעטיוון, ווי למשל שטארקע בויך ווייטאג און שלעכטע פילן וואס חולים האבן ווען זיי נוצן קימא און אנדערע. ווערט בארוהיגט אמבעסטן דורך מאריכואנא.

דאסווארט קאנאביס איז פון לאטייניש, זי שטאמט פון טויזנטער יארן צוריק פון די אססיריענס, און די ווארט קנאבוס  באדייט "די לעזונג פאר טרויער" אין אייראפע האט מען עס בעיקר גענוצט צו בארוהיגן ווייטאגן, און נישט אזוי פאר פארוויילונג. אין די אכצנטען יארהונדערט ווען פראנצויזישער פירער נאפאלעאן האט איינגענומען עגיפטן האבן די פראנצויזישע סאלדאטן געלערנט פון די עגיפטישע די פארוויילונגעס און שיכרות כחות פון מאריכואנא און עס געמאכט פאפולער אין אייראפע.

די נאמען מאריכואנא איז די ספאנישע נאמען, און די סיבה פארוואס אפיציעל רופט מען עס מאריכואנא און נישט קאנאביס וואס איז די קארעקטע נאמען, איז לויט א טייל א פועל יוצא פון א קאמפיין אין אמעריקע צו מקשר זיין מאריכואנא מיט מעקסיקא און די לענדער ארום פון ווי אסאך דראגס קומען אריין קיין אמעריקע, און אפיליאירן קנאביס מיט מאריכואנא האט געדינט אלס א טייל פון די דע-לעגיטימאציע פונעם גראז און איר ארויסשטעלן פון געזעץ.

אין די יארן פון נאכן צווייטן וועלט קריג, ווען "פראהיבישן" אקעגען אלקהאל איז שוין צופאלן איז מאריכואנא געווארן אן אומלעגאלער דראג מיט שטרענגע געזעצן אקעגן איר האנדל און פארמאגן. די לעצטע יארן איז די ווינט עס צוריק צו מאכן לעגאל.

## די השפעה פון מאריכואנא

מאריכואנא האט א השפעה אויף די מוח. עס פארשטארקערט די געפילן און מחשבות, עס מאכט אז ווען מען איז עוסק אין איין ספעציפישע זאך זאל מען ווערן פולשטענדיג

אריינגעטון דערין. עס מאכט די דמיונות שפילן. עס מאכט פרייליך און לעבעדיג, וואכזאם און קאנצעטרירט. ווייניגער באזארגט און צעמישט.

היות אז עס פארשטארקערט די געפילן און מאכט דעם מענטש לייגן אסאך מער דגוש צו וואס ער טראכט, האט דאס פארשידענע חסרונות. עס קען ברענגען אבסעסיע, פחד עס קען מאכן סענסיטיוו, מיוּאש אדער ליגן אין דמיון. עס שאדט אויך פאר די זכרון, היות אז מען זעהט נאר וואס מען וויל זעהן לייגט מען נישט צו קאפ און קען אפעקטירן אז מען זאל נישט געדענקען זאכן אפילו פון איין שעה צו די אנדערע.

עס קען אויך ברענגען פאראנאיע, אז מען זאל מורא האבן פון זאכן, און בכלל, לייגן עקסטרעם דגוש אויף וואס עס פאלט דיר ביי אויף די מאמענט, אן האלטן קאפ אויף אנדערע און וויכטיגע זאכן.

די געטווישטע מחשבה שטראם און מער "לעבן אין די מאמענט" הרגשה קען ברענגען אומ'סדר, אומאחריות צו האלטן א דזשאב. פאנטאזיעס און שגעון גדלות צו קענען טון אליין גרויסע זאכן. עס קען אויפבלאזן א חבר צו ווערן א ידיד נפש, און איינעם ווען מען גלייכט נישט צו א שונא מובהק.

אבער לעומת זה קען עס אראפנעמען אנגעצויגענקייט און סטרעסס. אראפנעמען איינגעהאלטענקייט און פחדים פון זאכן, עס געט א שטיקל אנדערע פרעספעקטיוו און וועקט אויף צו קאנצעטרירן אויף זיך און נישט אויף די נארמעס פון אינדרויסן, עס מאכט שפירן לייכטער און קען ברענגען קריעיטיוויטי און כח היצירה.

היות אז עס טוישט די וועג וויאזוי מען שפירט אין צייט און פלאץ. עס שאדט פאר די חוש פון קאארדינאציע, די געפיל פון צייט און ווייטקייט איז שווערער צו תופס זיין באמת, דעריבער איז דרייוון אדער אנפירן גרויסע מאשינען אונטערן השפעה מער עלול צו סכנה. דעריבער איז נאך אומלעגאל צו דרייוון אונטערן איינפלוס און קאמפאניס פרעגן זייערע ארבעטער איבער באנוץ און שנעלן אפילו פאר א טעסט.

רייכערן מאריכואנא ברענגט אויך ארויף די שאנסן פאר בראנכייטיס – לונגען אנצינדונגען.

טראץ אז מאריכואנא איז נישט קיין פיזישע אדיקשאן ווי קאפעין און טאבאקא, איז אבער קלאר אז אסאך מענטשן ווערן אנגעוויזן דערין. זיי קענען נישט אויסהאלטן די רעאליסטישע געפילן און מוח שטראם פון ווען מען איז נישט אונטערן איינפלוס און ווילן אייביג לויפן צו ווילן האבן נאך פון די הויכע הרגשה. און האבן שוועריגקייטן זיך ארויסצוזען דערפון. פאראן אזעלכע וואס ווערן באמת דיספאנקשענעל דורך רויכערן כסדר מאריכואנא, נישט אנדערש ווי מענטשן וואס ווערן צוגעבונדן צום ביטערן טראפן. אויך זענען פאראן אזעלכע וואס ווערן צוגעוואוינט צו די עפעקטן פון מאריכואנא, און שפירן שוין נישט גענוג דעם שטראם פון הנאה, און זיי גייען צו שעדליכע דראגס ה"י.

עס דארף אבער אויך באטאנט ווערן אז עידזש האט א גרויסע השפעה. יונגע מענטשן וואס זייער מח האלט נאך אינמיטן וואקסן און זיך אנטוויקלען ווערן מער בעאיינפלוסט און די מאריכואנא שטערט די קאגנעטיווע אנטוויקלונג.

## איז מאריכואנא מסוכן?

עס גייט אן לאנגיעריגע וויכוחים צווישן עקספערטן איבער מאריכואנא. עס איז קלאר אז ביי יונגע מענטשן איז זי נישט גוט פאר די די מוח, פאר די כח צו קענען קאנצעטרירן און לערנען און זיך מסדר זיין אין לעבן. אבער זי העלפט אויך אסאך מענטשן.

די חלק פון "עדיקשאן" אז מענטשן ווערן צוגעבינדן, זענען דא וואס טענה'ן אז אז אין פאקט זענען אויך קאפעין, אלקאהאל און ניקאטין, אלע דריי גאר פארשפרייטע דראגס וואס האבן א השפעה אויפן מענטש און איז גאר שטארק אדיקטיוו און שווער צו אפשטעלן.

פארהאן וואס טענה'ן: וויאזוי קען מען עס מאכן אומלעגאל, ווען עס איז ווארשיינליך וויניגער שעדליך, על כל פנים פיזיש, ווי פשוט'ער טאבאקא, וואס פארמאגט פארשידענע מסוכן'דיגע אינגרידיענטס און ברענגט לונגען קענסער. אויך איז מאריכואנא וויניגער אדיקשאן ווי אלקאהאל און טאבאקא, און איז בכלליות וויניגער שעדליך ווי אלקאהאל. אלקאהאל איז שעדליך פאר די לעבער און די נירן און קען ברענגען מענטשן צו טון ווילדע אקטן, ווען מענטשן זענען שיכור זענען זיי אסאך אין א ערגערע מצב ווי אונטער די איינפלוס פון מאריכואנא, אלקאהאל קען מאכן ווילד און אומקאנטראלירבאר.

## קנאביס אין די מקורות

די ווארט קאנאביס ווערט מערערע מאל דערמאנט אין ספרי קודש. לויט געוויסע איז "קנה-בושם" וואס איז א טייל פון די קטורת, מעגליך אט די גראז. און אזוי איבעראל ווי מען רעדט פון "קנה" קנה וקינמון.

און עס איז משמע פון מקורות  אז עס איז א גראז וואס אידן האבן געוואוסט פון אין ארץ ישראל, אין עגיפטן און אין תימן און נאך פלעצער. די משנה אין מנחות און א משנה אין כלאים דערמאנען קנבוס, אלס א פלאנצונג וואס מען נוצט פאר סחורה פאר קליידונג ווי די משנה זאגט אויף געוויסע מצבים אז מען דארף נישט זארגן איבער שעטנז "שחזקתה מן הקנבוס" די חזקה איז אז די סארט פשתן קומט פון די קאנאביס – העמפ געוויקס.

אין די צייטן פון רש"י אין פראנקרייך מיט קרוב צו טויזנט יאר צוריק איז קנאביס געווען דארטן פארשפרייט, ווי מען זעהט אז רש"י וויל באצייכענען א געוויסע געוויקס זאגט ער אז עס איז ענדליך צו קנאביס "גבעולין קנים דקים כעין של קנבוס".

די ערשטע וואס דערמאנט עס ווי א משקה המשכר איז דער רדב"ז, רבי דוד אבן זמרא, וועלכער האט מיט בערך פינף הונדערט יאר צוריק זיך געצויגן פון מצרים קיין ארץ ישראל, דערקלערט די מאכלים וואס מען עסט אין עגיפטן, דערמאנט ער "עלי הקנבוס הנקרא קנב אוכלין אותו במצרים חי כמות שהוא, ומשכר. ואומרים שהוא משמח"

די קנאביס מאכט שיכור און מען זאגט אז עס מאכט פרייליך....אויב מיר ווילן לערנען טיף פשט זאגט ער דא אז מענטשן מיינען אז עס מאכט פרייליך, עכט מאכט עס שיכור!

## וואס זאגן תורה מקורות איבער נוצן מאריכואנא?

אין אידישע מקורות זעען מיר אן אינטערסאנטע יחס צו משקאות המשכרים. לאמיר נעמען א דוגמא ווייך אין אידישקייט איז א צוויי-זייטיגע זאך, מען זעהט די גאר פאזיטיווע כבוד וואס וויין באקומט אלס די משקה וואס איז דעזיגנירט להלל ולהודות, יין לקידוש והבדלה וארבע כוסות.

אבער לעומת זה זעען מיר אין די פסוקי התורה אז שיכרות איז נעגאטיוו, לוט האט געשיכורט און א כהן טאר נישט שיכורן, און ווען אן ערליכער איד זעהט הפקרות און חטא, "הרואה סוטה בקלקולה" ווייסט ער אז עס קומט פון שיכרות, און דעריבער "יזיר עצמו מן היין" זאל ער מקבל זיין נזירות וואס שיידט אפ פון וויין.

עס איז כדאי צו אנצומערקן אז בראנפן איז נישט געווען בנמצא אין די אור-אלטע צייטן, און עס ווערט נישט דערמאנט אין חז"ל. אידן האבן עס גערופן "יי"ש" וואס איז ראשי תיבות יין שרף.

די געדאנק פון כאפן א לחיים צו קענען זיין בשמחה, אדער צו קענען טון עבודת השם מיט א לעבעדיגקייט איז נישט ניי. די שמחה פון יום טוב קומט דורך טרונקען וויין און שוין אין של"ה הקדוש רעכנט ער אויס די חסרונות פון טרונקען, אבער צייכנט אן אז טרונקען האט אויך גרויסע מעלות.

אבער למעשה אויך בראנפן, פונקט ווי וויין איז געוואורן אנגענומען ביי אידן נישט בלויז ווי א לכתחילה, נאר ווי עפעס וואס אן דעם איז נישטא קיין יארצייט סעודה, קיין שידוכים ווערן נישט געבראכן אן דעם און זי האט איר פלאץ נאכן פיש אויפן שבת טיש. לעומת זה האט מען אייביג געוואוסט אז שיכרות איז א שלעכטע זאך און ווי די באקאנטע אויסדרוק "

איינער פון די גדולי המקובלים, הרופא המקובל רבי משה דוד וואלי, בן דורו וידידו פונעם רמח"ל, דערמאנט עס אויך אין זיינע כתבים פון איבער דריי הונדערט יאר צוריק. אין זיין ספר הליקוטים, פירוש אויף תנ"ך שרייבט ער אין פרק "עבודת הבירור" "עשב הטאבאקו הוא דבר רע שהומצא על ידי הסטרא אחרא.. ועשנו וכיוצא בו מן הדברים המשכרים כמו היין המשכר והמים החיים שנתפשטו יותר בדורות האחרונים האלה.. ולא לחנם המציא הש"י בדורות האלו האחרונים ענין העשב הנקרא טאבאקו בלע"ז, כי הוא שוחד גדול אל החיצונים, ועל ידי השוחד הזה מסתלק המונע ומניח לבני אדם לעשות את שלהם וגם להשלים את תיקונם".

דער מקובל גייט אריין אין א שמועס אז רייכערן גראז איז א ענייין פון די סטרא אחרא, אבער אויב העלפט עס אוועקנעמען די מניעות אן אנגעצויגענקייט אז דער מענטש זאל קענען טון זיינס איז עס א ווירקזאמע זאך פאר אובדים ומרי הנפש.

גאר וויכטיג זענען די הייליגע ווערטער פון חז"ל אין מסכת פסחים "א"ל רב לחייא בריה לא תשתי סמא" – רב, דער גרויסער תנא-אמורא האט אנגעזאגט צו זיין זון חייא "טרונק נישט קיין סמים" און רש"י איז מפרש וואונדערליך, וואס איז נוגע פאר אונז. "לא תשתי סמא - לא תלמד לשתות סמים, מפני שתקבע להון ווסת, ויהא לבך שואלך ותפזר מעות" לערן זיך נישט אויס צו טרונקען סמים ווייל דיין גוף וועט ווערן צוגעוואוינט דערצו און דיין הארץ וועט עס אייביג זוכן און דו וועסט אויסגעבן דיין געלט"

דער פוסק הדור הגאון רבי משה פיינשטיין זצ"ל אין זיין ספר שאלות ותשובות אגרות משה חלק ו' (עמוד רסח), שרייבט ער איבער בחורים וואס רייכערן "חאשיש" : הנה בדבר אשר התחילו אילו בחורים לעשן חשיש, פשוט שהוא דבר אסור מכמה עיקרי דינים שבתורה. א. שהוא מקלקל ומכלה את הגוף. ב. ואף אם נמצאו אנשים בריאים שלא מזיק להם כל כך אבל מקלקל הוא את הדעת ואינם יכולים להבין דבר לאשורו שזה עוד יותר חמור, שלבד שמונע עצמו מלימוד התורה כראוי, הוא מניעה גם מתפילה וממצוות התורה, שעשייה בלא דעת הראוי הוא כלא קיימם. ג. ועוד שהוא גורם תאווה גדולה אשר הוא יותר מתאוות אכילה וכדומה הצריכים לאדם לחיותו, ויש שלא יוכלו לצמצם ולהעביר תאוותם, והוא איסור החמור שנאמר בבן סורר ומורה על תאווה היותר גדולה שיש לו לאכילה אף שהוא לאכילת כשרות, וכל שכן שאסור להביא עצמו לתאווה גדולה עוד יותר, ולדבר שאין שום צורך לאדם. ד. ועוד שהאב והאם של אלו שמעשנים זה מצטערים מאוד, אשר עוברים על מצות כיבוד אב ואם. ה. ועוד איכא [יש] איסור העשה דקדושים תהיו, כפירוש הרמב"ן בחומש. וגם הם גורמים לאיסורים הרבה אחרים לבד זה. סוף דבר הוא פשוט וברור שהוא מהאיסורים החמורים, וצריך להשתדל בכל היכולת להעביר טומאה זו מכל בני ישראל ובפרט מאלו שלומדים בישיבות"

איין גדול וואס איז זיך מתייחס באריכות צום נושא איז הרה"ג רבי חיים דוד ווייס שליט"א דומ"צ אנטווערפן, בעל שו"ת ויען דוד, וועלכער האט מיט עטליכע יאר צוריק ארויסגעגעבן זיין קונטרס "ובחרת בחיים" מיט א תוכן פון " י"ג עיקרים לשמירת הגוף והנפש בדברים נחוצים בזמנינו" ווי ער שמועסט אויס וויכטיגע זאכן הדרכות אין לעבן. צווישן די זאכן איז ער מקדיש א סעיף איבער "סמים" שרייבט דער דיין אזוי: ומאחר שנגע זה פשה קצת אצל אנ"ש, אמרתי שזה בודאי כיון שאינם יודעים חומר ענין בסמים בעצמם ומדת היזקם עד היכן מגעת. מאחר שעישון הסמים הוא רק אצל הגוים והחפשים וכדומה, ובודאי שאם ירגישו שבזה שמסייעים לסוחרים מלסייע להם. וכבר נשמע בין החיים, שאין דבר כה מסוכן לגוף ולנפש מסמים אלו, ה"י. כי טבע הסמים הוא, שבתחלה מרגישים ממנו הרגשה יפה, כאילו עולה במעלות רמות, וסופו יורד לעמק החשכות, למרה שחורה, ונופל ליאוש נורא, וכדי לצאת ממצבו (לזמן קצר), צריך לעשן עוד הפעם, וחוזר חלילה וגופו נעשה חולה סמים. והמסיתים לזה נותנים בתחלה לעשן בחנם, כדי להטעימם טעם הסם, , מוכרים להם ביוקר. והיות ואחר שכבר נעשו נצרכים לזאת שהגוף זקוק לו מאד (ADDICTED), סופו אף חומס והורג כדי שיוכל לקנות הסם בכל מחיר. זאת אומרת שהוא הורג שתים - המעשן עצמו, מכיון שנעשה מכור ונזקק לסם הזה, ועוד הוא גורם שיגזול ויחמוס ויהרוג, מאחר שהוא מבקש את לימודו ואינו מוצא. ובשעה שמעשנים, דעתם משובשת עליהם ביותר בחלומות ובהזיות, וכהמאמר ושכורת ולא מיין. ואחר כך חלים

בחולי הנפש וחייהם נהרסים, ונעשים שבורים ורצוצים בגופם וברוחם לאלפים ולרבבות, כידוע וכמפורסם. ואין מן הצורך להאריך, מפני הרחק מן הכיעור והדומה לו. וכשיבא אחד להציע לעשן סם זה, מי פתי יסור אליו, כי החובל בעצמו מכין אותו מכת מרדות כל שכן המאבד עצמו לדעת להחלות הגוף והנפש, בחולי חמור זה, שכמעט אי אפשר להתרפאות ממנו, ואין לאדם רשות על גופו.

דעם חודש שבט ביי א טיש בחצר הקודש באבוב האט כ"ק האדמו"ר רבי בנציון הלברשטאם שליט"א מבאבוב גערעדט איבער די נושא פון קאנאביס און גאר שטארק געווארענט אז זי איז זייער מסוכן און געזאגט קלאר אז אידן וואס נוצן עס באלאנגען נישט אין קיין חסידישע קהלה.

די זעלבע תקופה האט דער תורה ריז הגאון רבי אשר ווייס שליט"א פון ירושלים געגעבן א דרשה ווי ער האט גערעדט איבער די ענליכע פראבלעם פון אלקאהאליזם און זיך אנשיכור'ן.

אין ספר אוסרי לגפן ברענגט ער אז הרה"ק רבי נחמן מברעסלעוו האט געליטן יסורים אויף די לונגען און די גראז וואלט אים געקענט העלפן אבער האט עס בשום אופן נישט געוואלט נוצן, ווי ער שרייבט דאך קעגן שיכרות און נוצן משקאות. אויך האט רבי נחמן געשאלטן די קאנאביס וואס וואקסט אין אומאן זאל נישט האבן דעם כח המשכר. ואם קבלה הוא נקבל.

# סוף דבר:

## פארמאסוטיקעל דראגס זענען נישט וויייניגער, נאר פיל מער, סכנה

מיר לעבן היינט אין א צייט וואס עס זענען פארהאן גאר הויכע נומערן פון מענטשן וואס נוצן פערסקריפשאן דראגס, ווי אנטי דעפרעשאנס און פעין קילערס. מען דארף וויסן אז דאס זענען גארנישט בעסער, נאר פארקערט, זיי זענען פיל ערגער. אסאך פון זיי זענען פיזיש עדיקטיוו און מען קען זיך דערפון נישט אפרייסן.

## אלקאהאליזם איז נישט בעסער

אלקאהאליזם וואס קומט אריין ביי אונז זייער שטארק, בריש גלי. ביי שמחות שטעלט מען צו ערנסטע אלקאהאלישע פייערונגען און מענטשן ווען ארייגעשלעפט אין אלקהאליזם, וואס איז גארנישט בעסער ווי דאס.

## וואס קענען עלטערן טון צו פארזיכערן אז די קינדער ווערן נישט דערין אריינגעשלעפט?

אז מען שטעלט צו די קינדער א שמחה'דיגע לעבן איז די האפנונג אז זיי וועלן נישט זוכן שמחה אין די פרעמד. אויב באמערקט מען מאדנע שינויים און מען טראכט אז דאס קינד נוצט אזוינע זאכן דארף מען האנדלען פארזיכטיג און נישט סתם אנשרייען און ארבעטן פון צער און כעס ווייל דאס וועט נישט העלפן, נאר מאכן אים בעסער האלטן זיין סוד. מען דארף אזא זאך באהאנדלען מיט חכמה און סענסטיוויטי.

## וואס גייט זיין די טויש ווען עס ווערט לעגאל?

דאס לעגאליזירן גייט טוישן די גאנצע זאך, עס וועט עס ארויסנעמען פון קרימינאלן און עס מאכן פאר א לעגיטימע ביזנעס. אבער די שאלה איז וואספארא השפעה וועט דאס האבן? וואס גייט זיין די צוגאנג דערצו אין די עולם החרדי און די השפעות אויף די גאס?

וויאזוי מען טוט נאר, דארף מען זיך האלטן צום אמת, און וויסן וואס מען טוט מיט גרויס אחריות און סייעתא דשמיא.

סוף דבר:

נישטא קיין שארט-קאט: נאר אמתע ארבעט, נישט קיין דראגס און שנעלע "פיקסעס" קענען העלפן.

די שורש פון די אלע איז ווען א מענטש וויל אנטלויפן פון זיין מצב דורך טוישן זיין בליק, זיין רעאליטעט. אבער א איד מיט אחריות דארף טון די לאנגע ארבעט פון זיך איבערקומען, זיך ווענדן צו הקב"ה, זיך אויסוויינען, ארבעטן אויף די מדות און אויסלערנען מחזק זיין אן טוישן די מח. א גוי כאפט זיך צו צום גלעזל בראנפן, א איד ארבעט אויף זיך און יא, א לחיים אמאל קען העלפן, אבער אז מען רעדט זיך איין אז זאכן וועלן בעסער ווערן דורך פילן אדער מאריכואנא אדער אלקאהאל איז עס א וועג צו חורבן. די שליסל צו אלעס גוטס איז אינווייניג ביי דיר. בעזר השם.